# מערכת בחצרות

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' יתרו | י"ג שבט | תשע"ב | מגילה: י"ע:


## באריכטן:

נעכטן – זונטאג אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר שמואל יעקב שווארץ הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר שמואל שעהנבורין הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר אברהם לעווי הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר בנימין לאנדא הי"ו פון בארא פארק, און הב' בן מוה"ר מאיר יעקב כהנא הי"ו פון בארא פארק.

❧•❧

### מאסן אנ"ש ערוואַרטעט צו שטיצן מוסדות הק' תולדות אברהם יצחק בארה"ק

אין די טעג איז די יהדות החרדית אין ניו יארק מקבל פנים כ"ק אדמו"ר מ'תולדות אברהם יצחק שליט"א וועלכער איז געקומען צו גאסט לטובת מוסדותיו הק' אין ארה"ק.

מארגן – דינסטאג אוונט ווערט ערווארטעט דער מאסנווייז השתתפות פון הונדערטער אנשי שלומינו וועלכע וועלן אי"ה קומען מחזק זיין די מוסדות הק' על טהרת הקודש ביי די מסיבה אין שטוב פון הרבני הנגיד המרומם מוה"ר יצחק ראזענבערג הי"ו ס. ראה"ק דקהלתינו מיט די פערזענליכע השתתפות פון תולדות אברהם יצחק רבי'ן שליט"א.

אנשי שלומינו וועלכע זענען געטריי צו משנתו של רבינו הק' זי"ע בעל דברי יואל ושיטתו הק' און האבן א געפיהל צו די ריכטיגע באדייט פון מוסדות שלא כרעו לבעל און זענען נישט נהנה קיין זיז כל שהוא משלחן איזבל, שפירן אט די הייליגע תולדות אברהם יצחק'ער מוסדות אלס א ריכטיגער ביישפיעל פון מוסדות וואס שטייען פעלזן פעסט במסירות נפש און האבן נישט די מינדעסטע משא ומתן מיט די דארטיגע רשעים אין סיי וואספארא פארמאט, און אט דאס וועט ארויסרופן דעם ציבור צו קומען מחזק זיין די מוסדות וועלכע פלאגן זיך שטארק מיטן טאג-

טעגליכן פינאנציעלן בודשעט צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש.

***-קומט אין די מאסן!-***

# גרויסן "ונתנו גורל" קומענדיגן מיטוואך ט"ו בשבט

בלויז א טאג צייט איז פאַרבליבן ביז קומענדיגן מיטוואָך מיטאָג צייט, ווען עס וועט בשטומ"צ געצויגן ווערן אינעם הויפּט-ביוראָ פון די מוסדות אין וויליאַמסבורג, געצויגן ווערן ער גרויסאַרטיגער "ונתנו גורל" פאַר אַלע נדיבים בעם וואָס האָבן אין די לעצטע חדשים זיך בייגעשטייערט מיט גרעסערע סכומים להחזקת המוסדות, אָנגעהויבן פון $250 און העכער.

דער "ונתנו גורל" האָט אין די לעצטע וואָכן און חדשים שטאַרק דאָמינירט די פּלאַקאַטן און מודעות אין די בתי מדרשים אין וויליאַמסבורג און אומעטום, ביי וועלכן דער ציבור איז אינפאָרמירט געוואָרן מיט פאַרשידענע דעטאַלן און ידיעות אַרום דעם גרויסאַרטיגן גורל.

דער גורל היי-יאָר צום דריטן מאָל פּראָקלאָמירט געוואָרן דורך די מוסדות אין וויליאַמסבורג, ספּעציעל אַלס באונעס פאַר די משתתפים ביים דינער קאַמפּיין מיט באַשטימטע סכומים, אָנגעהויבן פון $250 און העכער ביז טויזנט דאָלאַר. דער זוכה בגורל וועט אי"ה דעם קומענדיגן יאָר צוריקבאַקומען זיין גאַנצן געווינס יעדע צווייטע וואָך אַן אויסנאַם, אויף וועלכן עס קענען שוין עדות זאָגן די צוויי געווינער פון די פריערדיגע צוויי יאָרן ווען דער גורל איז שוין פּראָקלאָמירט געוואָרן.

אין די טעג נאָכ'ן דינער האָט די הנהלת המוסדות צוזאַמען מיט'ן דינער קאָמיטע באַשלאָסן צו געבן א ברייטערע געלעגענהייט אויך פאַר די מתנדבים בעם וואָס ווילן זיך נאָך אָנשליסן מיט גרעסערע און קלענערע סכומים להחזקת המוסדות, אַז אויך די נתינה זאָל קענען פאַררעכענט ווערן אַלס א טייל פונעם גורל, און עס איז דעריבער באַשטימט געוואָרן א שפּעטערדיגער דאַטום, דער טאָג פון חמשה עשר בשבט אַלס דער זמן ווערן דער גורל וועט געצויגן ווערן.

גלייכצייטיג האָט די הנהלת המוסדות אונטערגענומען דעם גרויסן "עשו פרי קאַמפּיין" מיט דירעקטע צילן אַלס השלמה צום העכסט געלונגענעם מעמד הדינער, דערביי אָפּצונעמען די נתינות פון די האָבן ביים דינער און די וואָכן פריער נישט געהאַט די מעגליכקייט זיך אָנצושליסן מיט סיי וועלכן סכום, צוליב פאַרשידענאַרטיגע סיבות. ווי אויך איז דער עשו פרי קאַמפּיין געווען געווידמעט אָפּצונעמען די נתינות פון די וואָס האָבן נאָך געוואָלט מוסיף זיין גרעסערע סכומים להחזקת המוסדות, דערמיט צו הייבן בעזהשי"ת זייער פּעצענטואל אין פאַל זיי זענען זוכה בגורל.

אַצינד גרייט מען זיך שוין בעזהשי"ת צו ציען דעם גרויסאַרטיגן גורל, וועלכע וועט אי"ה אויסגעראַכפעלט ווערן קומענדיגן מאָנטאָג פרשת יתרו, די סדרה ווען מען ליינט די פרשה פון "קבלת התורה" וקריאה מעורר הזמן איז א פּאַסיגע געלעגענהייט דאַן אַרויסצוציייגן גאָר

וואַרימע שטיצע און חיזוק, ואין המצוה נקראת אלא על שם גומרה.

עס איז זיכער אַז דער ציבור וועט אויסנוצן די לעצט-פאַרבליבענע טעג ביז צום גורל, זיך אָנצושליסן מיט גרעסערע סכומים, דערמיט זיך איינצוקויפן זיכער זכותים אויף בזה ובבא.

***-געדענקט: מיטוואָך פרשת יתרו!-***

ꟹ•ꟹ

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**